**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט דאס עפענען פון דערוואקסענעם-באניץ קאנאביס דיספענסאר אין איטאקא

## יוסטיץ-אימפאקטירטע לייסענסי צו עפענען די נייסטע קאנאביס דיספענסאר אינדערויסן פון נו יארק סיטי

## איטאקא דיספענסאר געשטיצט ביי דעם סאציאלן ישרות אינוועסטירונג פונד

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די ערשטע באדינגיגע דערוואקסענעם-באניץ ריטעיל דיספענסאר לייסענס אין אויבערשטאט ניו יארק סטעיט אין אייגנטום פון א ביזנעסמאן וואס איז אין די פארגאנגענהייט גערופן געווארן א קרימינאל צוליב די קאנאביס פארבאט, וועט עפענען צו פארקויפן פאר דער פובליקאום 4:20 נאכמיטאג דאנערשטיג, מארץ 6, אויף 119-121 East State Street אין איטאקא.

"מיטן עפענען פון וויליאם דזשעין אין איטאקא, זענען מיר ממשיך בויען א דערוואקסענעם-באניץ קאנאביס אינדוסטריע אין אונדזער סטעיט וואס ארבעט צו קאמפענסירן פארן שאדנס גורם געווען ביי די אומפראפארציאנעלע ארעסטן געמאכט געווארן בשעת קאנאביס פראהיביציע,"**האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי נאך ענלעכע דיספענסארן עפענען זיך איבער ניו יארק סטעיט, האבן קונים יעצט די אפציע צו קויפן לעגאלע, מער זיכערע פראדוקטן אין דער צייט טוען זיי אויך איבער-אינוועסטירן אין זייערע קאמיוניטיס."

דער איטאקא דיספענסאר, וואס רופט זיך וויליאם דזשעין, וועט געהערן צו און ווער געפירט ביי וויליאם דורהאם. א ברוקלינער געבוירענער וואס האט פארבראכט מערסטנס פון זיין לעבן אין בינגהעמטאן טרעט אריין אין ניו יארקס קאנאביס מארק מיט כל-ערליי פראקטיק אין ריטעיל, קאנסטרוקציע, און פארמעגן אינוועסטירונג.

די לאקאציע איז געשטיצט ביי דעם סאציאלן ישרות קאנאביס אינוועסטירונג פונד און וועט זיך עפענען אלץ א "פאפ-אפ" (צייטווייליג). פונקט ווי אנדערע איניציאלע געשעפטן וועלכע וועלן געשטיצט ווערן דורך דעם פונד, וועט דאס צושטעלן פאר די לייסענסירטע די געלעגנהייט זיך צו עפענען אויף א צייטווייליגן פארנעם צו מאכן שנעלע געשעפטן און אנהויבן אויפטרייבן געלט מיטלען פאר זייערע ביזנעסער, דערנאך וועלן זיי זיך פארמאכן פאר די עמטליכע קאנסטרוקציע און דאן זיך צוריק עפענען פאר די לאנגע טערמין.

די פאפ-אפ פראגראם איז אוועקגעשטעלט צו געבן דעם אפעראטאר אינציעל טרעינירונג געלעגנהייטן פאר עפענען פול-צייטיג. עס וועט בענעפיטירן אלע ביזנעסעס וועלכע זענען טייל פון די קאנאביס סופליי טשעין, פון פארמער וועלכע האבן שוין קאנאביס גרייט צו ארויסגעשיקט ווערן, צו די פירמעס וועלכע ארבעטן אויס קאנאביס עס צו מאכן פאר אנדערע סארטן פראדוקטן. דיסטריביוטערס און ריטעיל

געשעפטן ארבעטן פון דארט צו צושטעלן פאר קונים וואס זוכן צוטריט צו זיכערערע פארלעסליכע פראדוקטן.די דיספעסאר עפענונג העלפט פראגרעסירן ניו יארקס ציל פון ישרות אין קאנאביס לייסענסינג וואס פריאריטיזירט יוסטיץ-אימפאקטירטע פערזאנען, דאס זענען מענטשן וואס זענען קאנאביס-פארמישפט'ע אדער א נאנטע קרוב פון אזא איינעם.

**DASNY פרעזידענט און CEO ראובן מקדניאל דער דריטער האט געזאגט,** "דער וויכטיגער מילשטיין ווייזט ארויס ניו יארקס איבערגעגענקייט צו שאפן נייע און ספעציעל געלעגנהייטן פאר צווישנדורות'דיגע רייכטום און שווארצע און ברוינע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק, און צו אדרעסירן טיף-איינגעקריצטע היסטארישע אומישרות.איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקולס פירערשאפט, דער אויסערגעוויינטלעכע שטיצע די פראגראם האט געהאט פון דער לעגיסלאטור, און ארבעט פון דער פונדס אנפירער, די אלע וואס האבן אונדז געהאלפן ממשיך זיין אונדזער פראגרעס פאר דער וויכטיגער איניציאטיוו."

**וויליאם דזשעין אייגנטימער וויליאם דורהעם האט געזאגט,** "איך בין שטארק בשמחה צו זיין איינע פון די ערשטע קאנאביס ביזנעסעס וואס עפענען זיך אין אויבערשטאט ניו יארק. איך האב זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז איך וועל קענען עפענען אזא סארט געשעפט, און איך בין דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט פארן שאפן די געלעגנהייט צו וואקסן א ביזנעס דא.דאס איז א ברכה וואס וועט מיר העלפן באשאפן געלעגנהייטן פאר אנדערע אין דער צוקונפט."

**סטעיט סענאטאר לאה וועב האט געזאגט,** "דאס איז א שטאלצן טאג פאר דער שטאט פון איטאקא אין דער דרום שטאפל. איטאקא דיספענסאר געשטיצט ביי דעם סאציאלן ישרות אינוועסטירונג פונדאזוי ווי מיר באגריסן דעם ערשטן דיספענסאר אין אויבערשטאט ניו יארק מיט א לייסענס געשטיצט ביי דער סאציאלע ישרות קאנאביס אינוועסטירונג פונד. איך וויל אנבאטן א ווארעמע אויפנאמע און א הארציגן מזל-טוב פאר וויליאם דורהאם פאר דער וויכטיגער מיילשטיין. דאס איז א דערהויבענעם מאמענט אז אונדזער וואקסנדיגע קאנאביס אינדוסטריע אינוועסטירט און אונדזערע קאמיוניטיס דורך צושטעלן עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר אגריקולטורע שותפים און פאלק וואס זענען אומפראפארציאנאל געשעדיגט געווארן פון דער קרימענאליזאציע פון קאנאביס."

**אסעמבלי מיטגליד אנא קעלס האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקולס איבערגעגעבנקייט און אינוועסטירונג אין שטיצן ביזנעסלייט און ביזנעס אנטוויקלונג פאר מענטשן וואס זענען שוין פריער געווען קרימינאליזרט דורך דעם באניץ פון קאנאביס. דער וויליאם דזשעין דיספענסאר רעפרעזענטירט איין טריט צו העלפן פאררעכטן די אומישרות פון קאנאביס פאליצייאיש באוואכונג און איינזעצן אין תפיסה, אין דערוווייל שטעלט אויך צו א מארק פאר לאקאלע פארמערס צו וואקסן קאנאביס. לאקאלע פראדוקציע און פארקויפן קען העלפן פארזיכערן דורכזיכטיגקייט און פראדוקט קוואליטעט, האלטנדיג דעם פראדוקט פארזיכערט פאר דערוואקסענע וואס קלייבן זיך אויס עס צו נוצן פאר מעדיצינישע אדער פארוויילונג צוועקן."

**טאמקין קאוניטי לעגילאטור פארזיצערין שאונא מ. בלעק האט געזאגט,** "טאמקינס קאונטי האט רואיגערהייט געווארט פארן מעלדונג פון אונדזער ערשטער דערוואקסענעם-באניץ ריטעיל קאנאביס דיספענסאר.מיר זענען פונקט אזוי מלא שימחה אז וויליאם דזשעין איז איבערגעגעבן צו סאציאלע יוסטיץ איניציאטיוון און באפולמאכטיגן יענע וואס זענען געווען היסטאריש אויפן ציל ביי דער קרימינאליזאציע פון מאריכואנא."

**איטאקא מייאר לאורא לואיס האט געזאגט,** "א דאנק פארן ארבעטן מיט אונדזער קאמיוניטי אויף דער ערשטער לייסענסט דיסקענסאר אין דער שטאט פון איטאקא. מיר זענען זייער בשמחה צו זיין פון די ערשטע אדאפטירער פון דעם נייעם טרייבער פון ישרות'דיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג. מיר טוען אויך

שאצן די איבערגעגעבנקייט פון ניו יארק סטעיט צו פארשפרייטן א כללות'דיגן צוגאנג צו דער רעגולירטע קאנאביס אינדוסטריע און צו פארזיכערן די זיכערקייט פון קונים און די געלעגנהייט פאר לאקאלע ביזנעס אייגנטימער."

**קאנאביס קאנטראל ראט פארזיצערין טרעמעין רייט האט געזאגט,** "מיר זענען אויפגעהייטערט צו זען דעם קאנאביס מארק זיך פארשפרייטן אין נייע טעראטאריע. די געשעפטן וועלן צושטעלן פאר מער ניו יארקער זיכערע, פארלעסלעכע און באקוועמע וועגן צו קויפן קאנאביס פראדוקטן און אויך באשאפן נייע פאסטנס און אויפהייבן די לאקאלע עקאנאמיעס. די עפענונגען פון די געשעפטן צייכנט אפ א וויכטיגער מיילשטיין פאר ניו יארק אזוי ווי מיר זענען ממשיך צו וואקסן אונדזער מארק."

**אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג עקזעקוטיוו דירעקטאר קריס אלעקסאנדער האט געזאגט,** "די עפענונגען פון לעגאלע קאנאביס געשעפטן אין דער סטעיט איז א שפאנענדיגע געלעגנהייט צו פייערן די וואקסנדיגע פארשידנקייט פון ניו יארקס קאנאביס אינדוסטריע. מיר זענען שטאלץ צו זיין א חלק פון דער גאר חשוב'ער געלעגנהייט און קוקן זיך אויס אויף די וואקסנדיגע נומער לאקאציעס וואו ניסיאון אינוועסטירן אין זייערע קאמיוניטיס."

**וויליאם טאמפסון, הויפט פון דער פונדס אלגעמיינעם שותף סאציאלע יושר אימפאקט אונטערנעמונג האט געזאגט,** "ניו יארקס ערשט-מאליגע קאנאביס פובליק-פריוואטע-שותפות (PPP) איז ספעציעל צו ווירקן די אפשאצונג פון טויזענטער לאקאציעס ביידע איבערשטאט און אונטערשטאט; פאראנלען, פארוואלטן, און חתמנען אויף ליסעס מיט יעדן אייגנטימער; אנפירן דעם אויסשטעל-בוי פראצעס, בשעתן באשטימען טרענירונג און אפעראציע פראגראמען צו העלפן די געשעפטסלייט ווען זיי עפענען אויף שייערע ביזנעסע. עס איז א גרויסע און פארשידנמיניגע פארטפעל, אבער דאס זענען שריט וואס נייטיגט זיך צו העלפן אויפשטעלן לייסענס באקומער פאר מארק הצלחה."

די איטאקא לאקאציע איז טייל פון דעם פראגראם אויטאריזירט ביי גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור געשטיצט געווארן ביי דער פונד צו שטיצן איינשאפונג, אויסזען, קאנסטרוקציע, און אויסלייגן פון לאקאציעס פאר קאנאביס דיספענסערן צו ווערן אנגעפירט ביי CAURD לייסענסיס. ארבעטן מיט דארמיטארי אויטאריטעט פון דער סטעיט או ניו יארק (DASNY) אונטער, דער סאציאלע ישרות סערוויסינג קארפאראציע (SECS), איז דער פונד א פובליק-פריוואטע באגרעניצטע שותפות וואס איז אויסגעפארעמט אוועקצושטעלן געזעלשאפטליכע-גלייכקייט ביזנעסלייט אויף א פאזיציע צו קענען מצליח זיין אין ניו יארק'ס ניי-געשאפענע קאנאביס אינדוסטריע. די פונד וואס ווערט פארוואלטעט דורך Social Equity Impact Ventures וועט העלפן יוסטיץ-שייכותדיגע מענטשן מיט CAURD לייסענסעס צו פארשאפן די געלטער אויפצושטעלן דערוואקסענעם-באניץ פון קאנאביס ריטעיל דיספענסארן. עס ווערט געשטיצט ביז אזויפיל ווי 50 מיליאן דאלאר אין לייסענסירונג אפצאלונגען און פארדינסטן פון דער דערוואקסענע-באניץ קאנאביס אינדוסטריע און ביז 150 מיליאן דאלאר פון די פריוואטע סעקטאר.

די CAURD לייסענס איז א צענטראלע זייל פון די ניו יארק סטעיט איינזייען געלעגנהייט אינציאטיוו. דורך די אינציאטיוו וועלן ניו יארק'ס ערשטע לעגאלע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפטן אפערירט ווערן דורך די וועלכע זענען שווערסטע באטראפן געווארן פון די אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט אדער דורך נאָנ-פראפיט ארגאניזאציעס וועמען'ס סערוויסעס רעכענען אריין שטיצע פאר געוועזענע ארעסטאנטן. די דיספענסארן מאכן לעגאלע דערוואקסענע-באניץ פארקויפעכצמיט קאנאביס פראדוקטן געוואקסן ביי פארמערס איבער ניו יארק סטעיט.

פאסיגע אפליקאנטן זענען יענע וואס האבן געהאט א קאנאביס מישפט אליין אדער א מיטגליד פון זייער א נאנטע משפחה וואס פארמאגט אדער האט פארמאגט א ביזנעס וואס האט געהאט א נעטא פארדינסט פאר כאטש צוויי יאר. נאָנ-פראפיט ארגאניזאציעס זענען בארעכטיגט פאר CAURD לייסענסעס אויב זיי

האבן א היסטאריע פון צושטעלן סערוויסעס פאר יעצטיגע אדער געוועזענע ארעסטירטע מענטשן, אריינרעכענענדיג זיי גיבן ארבעט'ס געלעגנהייטן; האבן צום ווייניגסטנס איין באורד מיטגליד וואס איז אליין פארפלאנטערט געווען מיט די יוסטיץ סיסטעם; צום ווייניגסנטס פינף פולצייטיגע ארבעטער; און האבן אפערירט א געזעלשאפטליכע קערפערשאפט וואס האט געהאט פארמעגנס אדער פארדינסטן פאר צום ווייניגסטנס צוויי יאר.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418